אונזער הייליגע

# מוסדות בלעטל

נייעס און באריכטן פון ת"ת עבודת משולם פייש ד'טאהש

## פרשת בהר בחקותי / גליון כ"ט

תלמוד תורה

עבודת משולם פייש

טאהש

מאנסי יצ"ו

די וואך מאנטאג האבן די חשובע מלמדים אויסגעשפילט פאר די לעכטיגע קינדערלעך די מעשה פון הילל הזקן וויפיל ער האט זיך מוסר נפש געוועהן צו לערנען תורה פון שמאי׳ און אבטליון די חשובע מלמדים האבן געוויזן וויאזוי הילל איז ארויף געקראכן אויפן דאך צו הערן תורה פון דארטן ווייל מען האט אים נישט אריינגעלאזט און בית המדרש וויבאלד ער האט נישט געקענט באצאלן די סכום געלט וואס מען האט געדארפט באצאלן.

דאס האט געוויזן פאר די לעכטיגע קינדער וויפיל מען דארף זיך מוסר נפש זיין צו לערנען די הייליגע תורה און די זכי׳ וואס מיר האבן אז מיר קענען לערנען די הייליגע תורה מיט א רואיגקייט.

און די לעכטיגע קינדערלעך האבן אינאיינעם געדאנקט דעם רבונו של עולם אז ב״ה אלעס איז צוגעשטעלט אויפ׳ן שענסטן און בעסטן אופן וואס איז שייך.

בין כותלי המוסדות גרייט מען זיך שוין מיט א פעסטקייט אויף די הייליגע יו״ט פון שבועות -מתן תורה- וואס שטייט שוין ביים שוועל און כידוע אז די גאנצע התמדה און קנין בתורה ווענדט זיך וויאזוי מען רעכט אפ די הייליגע גרויסע יו״ט.

די חשובע מלמדים גרייטן אן די לעכטיגע קינדערלעך צום הייליגן גרויסן יו״ט און מאכן זיכער זיי זאלן זיין גרייט צו מקבל זיין די השפעות טובות פונעם הייליג׳ן גרויסן יו״ט

השי״ת זאל העלפן אז די לעכטיגע קינדער וואס מאכן און די יעצטיגע טעג די ריכטיגע הכנות צום גרויסן הייליגן יו״ט שבועות זיי זאלן זוכה זיין צו מקבל זיין די השפעות פונעם יו״ט און זיך איינהאנדלען די ריכטיגע מתיקות און די הייליגע תורה.

און מיר זאלן זוכע זיין צו זעהן ווי די לעכטיגע קינדער זענען מקיים דעם והגית בו יומם ולילה און זיי שטייגן מעלה מעלה בתורה ויראת שמים לשמחת לבם פון אונזערע געטרייע שותפים די חשובע עלטערן שיחיו.

# ברכת מזל טוב

**למו״ה יואל ראטטענשטיין הי״ו**
**לרגל שמחת תגלחת בנו למז״ט**
**אן עקסטערע מזל טוב פאר**
**הילד החשוב יוסף נ״י – נורסערי**
**צו זיין אפשערן**

---

**להרה״ג ר׳ יעקב ווייס שליט״א**
נכד רביה״ק זי״ע
**לרגל שמחת הולדת נכדו למז״ט**
**אן עקסטערע מזל טוב פאר**
**הילד החשוב נפתלי צבי נ״י –**
**קינדערגארטן**
**צו די געבורט׳ס פון זיין נעפיו**

---

**להרה״ג ר׳ מרדכי דוד**
**אבראהאם שליט״א**
**לרגל שמחת אירוסי בנו למז״ט**
**אן עקסטערע מזל טוב פאר**
**הילד החשוב שמעי׳ נ״י –**
**קינדערגארטן**
**אז זיין ברודער איז געווארן א חתן**

## אויף שמחות געזונטערהייט

**צו מנדב זיין די גליון ביטע זיך פארבינדן מיטן שליח המוסדות**
**אויף טעלעפאון נומבער 8093 662 (845)**

א גאר געהויבענע מעמד הדלקת המדורה איז פארגעקומען בין כותלי מוסדותינו הקדושים

דעם פארגאנגענעם דינסטאג ל"ג בעומר איז אפגעראכטן געווארן די הייליגע טאג אויף א גאר פרייליכע שטימונג ווי די לעכטיגע קינדערלעך האבן זיך מיט געפרייד בשמחת התנא אלוקי ר' שמעון בר יוחאי

שוין און די אנפאנג פארמיטאג שעות זענען די קינדער ארויס און די חצר המוסדות ווי עס איז געווען אנגעגרייט ספעציעלע רייד'ס געברענגט אז די קינדער זאלן קענען פארברענגען לכבוד ל"ג בעומר

בערך ארום איינס אזייגער זענען די לעכטיגע קינדערלעך און באגלייטונג מיט די מלמדים אנגעקומען צו די געהויבענע מעמד הדלקת המדורה לכבוד התנא אלוקי צום ערשט האבן אלע קינדער געהאט די זכי' אריינצוגיסן אויל אונעם מדורה

דערנאך האט די שליח המוסדות מו"ה אליעזר קרויס הי"ו מזכיר געווען די נעמען פון די חשובע נדיבי בעם וואס העלפן ארויס די מוסדות א גאנץ יאר און געבעטן אז די לעכטיגע קינדערלעך זאלן זיי אינזין האבן און אזא גרויסע טאג

דערנאך איז מען צוגעטרעטן צום הייליגן מעמד ווען די הנהלת המוסדות האט מכבד געווען צו אנצינדן די הדלקה הרבני הנגיד הנכבד הרב שמואל ישראל ברודא שליט"א חבר הנהלת המוסדות ומחשובי הורי מוסדותינו הקדושים אלץ הכרת הטוב פאר די פילע לייסטונגען לטובת המוסדות

דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט אויף פייערליכע טענץ לכבוד התנא אלוקי ווי די לעכטיגע קינדער אינאיינעם מיט די מלמדים האבן זיך מיט געפרייט בשמחת התנא א לענגערע צייט

דערנאך איז מען אריין און חדר האוכל ווי עס איז סערווירט געווארן מאכלים ומשקאות בנדבת ליבם פון מו"ה יצחק כ"ץ הי"ו מחשובי הורי מוסדותינו הקדוישם און מו"ה שלמה לעבאוויטש הי"ו פון די בארימטע שלומי'ס בעקערי

מטעם די הנהלת המוסדות ווילן מיר זיך באדאנקען פאר יעדן איינעם וואס האט ארויס געהאלפן ובפרט פאר ידידינו היקר מו"ה וואלף גרינבוים הי"ו מחשובי הורי מוסדותינו פארן אהער שטעלן די מעמד אז אלעס זאל קלאפן על צד היותר הטוב









## נייעס און באריכטן פון

# בית חינוך לבנות

# בנות חוה ד'טאהש

מיט גרויס שמחה און עקסטאז האבן אנשי שלומינו אויפגענומען די פריילעכע בשורה אז צום קומענדיג'ן זמן הלימודים דעם קומענדיג'ן חודש אלול וועט זיך בעזר השם יתברך עפענען די טויער'ן פון די בית חינוך לבנות בנות חוה טאהש דא און שטאט מאנסי און עס וועט בעזר שם זיין נאך א רינגענע און די קייט פון די לעכטיגע תורה אימפעריע ד'קהילתינו הקדושה דא און שטאט מאנסי

די פארגאנגענע וואך זונטאג האט מען און א מזל'דיגע שעה געעפענט די טויערן פאר די וואס ווילן איינשרייבן די לעכטיגע קינדער זיי זאלן שטייגן און וואקסן בתורה ויראת שמים אויפ'ן הייליג'ן דרך המסורה לנו פון רביה"ק זי"ע און עס זעהט זיך אן ב"ה א שטארקע צורך ביי אנשי שלומינו וואס קענען שוים קוים ווארטן צום עפענונג פונעם נייעם בית חינוך לבנות

אויב ווילט איר איינשרייבן אייער טאכטער ביטע רופט אריין אונעם צענטראל'ן אפיס פון מוסדותינו הקדושים אויף נומבער

**(845) 369 8674 #2**

השי"ת זאל העלפן אז מיר זאלן זוכה זיין אז דאס בית חינוך לבנות זאל אויסשטייגן א ריכטיגע מקום מוכשר פאר אונזערע טעכטער צו שטייגן מעלה מעלה על דרך התורה והמסורה און מיר זאלן זוכה זיין צו זעהן וויאזוי אונזערע טעכטער שטייגן און גייען אויפ'ן הייליג'ן דרך

תלמוד תורה
-- עבודת משולם פייש --
טאהש
מאנסי יצ"ו

# ברכת מזל טוב

להאי גברא יקירא ידידינו עוז העומד תמיד
לימינינו עוסק בלי ליאות למען הכלל והפרט
לב טוב בנש"ק

ה"ה העסקן הנמרץ לכל דבר שבקדושה

## הרב משולם זלמן בעק שליט"א

מחשובי הורי מוסדותינו הקדושה
ומגדולי תומכי מוסדותינו הקדושים

### לרגל שמחתו הגדולה השורה בביתו
### שמחת נישואי בנו למזל טוב

וכהאי שתא נביע תודתינו על כל הטוב והחסד
שעשה לנו בכל עת בכל זמן בלב טוב

השי"ת יעזור בזכות רבינו הקדוש זי"ע שהמוסדות נקראת על שמו שיזכו לראות תענוג ונחת מכל יוצאי חלציו ויעדי נזכה לביאת משיח צדקינו ומלכינו בראשינו בב"א

המברכים ברגשי הוקרה והערצה והכרת הטוב

*הנהלת המוסדות*

מיסודו
של רביה"ק זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# תלמוד תורה

עבודת משולם פייש

# טאהש

מאנסי יצ"ו

## הרתודה והברכה

הגליון בשבוע זו נתנדב ע"י
ידידינו היקר העומד תמיד לימינינו
**העסקן מו"ה ניסן ראזענבערג הי"ו**
סעקעטערי דמוסדותינו הקדושה
**לעילוי ולכבוד נשמת**
**התנא אלוקי רבי שמעון בר יוחאי זצ"ל**
ובזכות הבל פיהם של תינוקת של בית רבן
ימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה